בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גליון

## פאר'ן שבת טיש

פרשת בהעלותך
י"ח סיון שנת תשפ"א
לפ"ק
שנה 2, גליון 25
(40)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָם.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פָּארְלֶערְנֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִין דֶעם סֵפֶר דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דְרַייצְן מַעֲשִׂיּוֹת; אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט מִיט שֵׁיינֶע הִתְחַזְּקוּת, עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל וְוִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, אָבֶּער דֶער מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'חָכָם אוּן תָּם', דָאס דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיסְטַייטְשְׁן, דָא דַארְף מֶען נִישְׁט זוּכְן דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל, נָאר פָּשׁוּט דִי מַעֲשֶׂה רֶעדְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, דִי עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל זֶענֶען אָפְן אוּן קְלָאר פַאר יֶעדְען וָואס לֶערְנְט עֶס; אִין דֶעם מַעֲשֶׂה קֶען זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער טְרֶעפְן אָדֶער אִינֶעם חָכָם אָדֶער אִינֶעם תָּם, מֶען דַארְף נָאר זֶען מֶען זָאל זִיךְ טְרֶעפְן אִינֶעם 'תָּם' אוּן נִישְׁט אִינֶעם 'חָכָם'...

### דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

אוּן דֶער תָּם פְלֶעגְט אַלֶע מָאל לוֹיפְן אוּן פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם חָכָם מִיט שִׂמְחָה מִיט פְרֵייד. אוּן עֶר הָאט אִים אַלְץ גִיפוּנֶען אִין צַעַר אוּן פוּל מִיט יְסוּרִים. אוּן עֶר הָאט אִים גִיפְרֶעגְט אַזוֹי אַ חָכָם אוּן אַזוֹי אֵיין עוֹשֶׁר וְוִי דוּ בִּיסְט וָואס הָאסְטוּ אַלְץ יְסוּרִים תָּמִיד. פַאר וָואס בִּין אִיךְ תָּמִיד פְרֵיילִיךְ. אִיז דָאס בַּאם חָכָם גִיוֶוען אַ גִישְׁפֶּעט. אוּן עֶר הָאט בַּיי אִים אַ פְּנִים גִיהַאט פַאר מְשׁוּגָע. הָאט דֶער תָּם צוּ אִים גִיזָאגְט: אֲפִילוּ גְלַאטֶע מֶענְשְׁן אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן אוֹיס מִיר זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ נַעֲרָנִים. וָוארִין אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין קְלִיגֶער פוּן מִיר זֶענֶען זֵיי זִיךְ עֶרְשְׁט נַעֲרָנִים. מִכָּל שֶׁכֵּן אַזוֹי אַ חָכָם וְוִי דוּ בִּיסְט. וָואס אִיז אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין קְלוּגֶער פוּן מִיר. הָאט זִיךְ דֶער תָּם אָנְגֶירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּם חָכָם וְוִי גִיט דֶער אֵייבֶּירְשְׁטֶער אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער (כְּלוֹמַר דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַ תָּם וֶוערִין).

דֶער תָּם הָאט גֶעוואוּנְטְשְׁן פַאר'ן חָכָם עֶר זָאל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵיגָה,

<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

דער רבי האט דערציילט (ספר כוכבי אור סיפורים נפלאים, ב): עס איז געווען אן ארעמאן וואס האט זיך מפרנס געווען פון פארקויפן ערד צו מאכן דערפון ליים, ער פלעגט אויפזוכן די ספעציעלע זאמד וואס מען מאכט פון דעם ליים, און ער פלעגט דאס פארקויפן.

איינמאל בשעת'ן גראבן האט ער געטראפן זייער א טייערע שטיין, ער האט געוואלט פארקויפן דעם שטיין, האבן אים די צירונג סוחרים געזאגט אז דאס איז ווערד אזוי סאך געלט, אז עס איז נישט דא אין די גאנצע מדינה איינער וואס זאל האבן דאס געלט צו קענען באצאלן פאר אזא טייערע דיימאנט שטיין, נאר אין לאנדאן אינעם עיר המלוכה וועט מען קענען אפקויפן פון אים דער שטיין.

וויבאלד ער איז געווען זייער ארעם, ער האט נישט געהאט קיין געלט צו פארן קיין לאנדאן, האט ער פארקויפט אלעס וואס ער האט פארמאגט, ביז ער האט צוזאמגעקליבן אביסל געלט, און ער האט מיט די געלט געדינגען א פערד און וואגן וואס זאל אים פירן צום ים פארט.

ווען ער איז אנגעקומען צום פארט האט ער שוין נישט געהאט קיין געלט פאר א טיקעט, און ווען ער האט געוואלט ארויפגיין אויפן שיף וואס פארט קיין לאנדאן האט מען אים נישט ארויפגעלאזט, ווייל ער האט נישט געהאט קיין געלט. האט ער געבעטן מען זאל אים צולאזן צום שיפס קאפיטאן, ער האט געוויזן דעם דיימאנט שטיין פארן שיפס קאפיטאן, און ער האט אים געזאגט אז ער איז גאר א גרויסער ביזנעס מאן און ער האנדלט מיטן קעניג. גלייך האט אים דער שיפס קאפיטאן ארויפגעלאזט אויפן שיף און ער האט געהייסן די משרתים מען זאל אים געבן דעם שענסטן צימער, און אים מכבד זיין מיט גרויס כבוד.

דער איד פלעגט זיך שפילן מיטן דיימאנט שטיין בשעת ער האט געגעסן, דאס פלעגט אים מאכן אפעטיטליך, ביז איינמאל האט ער איינגעדרימלט אינמיטן עסן, און ער האט נישט באמערקט ווי דער משרת רוימט אפ דעם טיש מיטן דיימאנט אינאיינעם, און אלעס אריין געווארפן אין וואסער. דער איד וועקט זיך אויף און זעט אז ער האט אלעס פארלוירן... ער איז געווארן זייער צעבראכן, ער איז שיעור נישט אראפ פון זינען, ער האט געטראכט צו

<<<

צוּ לֶעבְּן בִּתְמִימוּת.

דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס הָאט מִיר גֶעצוֹיגְן צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - זַיין תְּמִימוּת; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מְנִיעוֹת אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ מִיר טָאג אוּן נַאכְט קֶעגְן בְּרֶסְלֶב; גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, חֲשׁוּבְ'עֶ מֶענְטְשְׁן, מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען טָאג אוּן נַאכְט, נִישְׁט סְתָּם רֶבִּי'ס מִיט קָאלִירְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת דָבוּק צוּ דִי תּוֹרָה, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ מִיר אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרָע קֶעגְן רֶבִּי'ן אוּן קֶעגְן תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן. מֶען הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט, מֶען הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע סָארְט רַאֲיוֹת.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעהַאט גֶעדְרֵייְדְט בַּיי אַנְדֶערֶע מַשְׁפִּיעִים אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער דָאס תְּמִימוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ - הָאט מִיר אַזוֹי בַּאנוּמֶען, דָאס הָאט מִיר גֶעכַאפְּט. וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן פְלֶעגְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען חוֹזֶק מַאכְן, מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר? מֵילָא אַז דוּ ווִילְסְט וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ וָואס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן פְּלַאטְשִׁיגֶע מֶענְטְשׁ אָן קַיין חָכְמוֹת? עֶכְטֶע תְּמִימִים! דוּ בִּיסְט דָאךְ קְלוּגֶער פוּן דֶעם, דוּ הָאסְט דָאךְ אַ שַׁארְפֶע קָאפּ וְכוּ', גֵיי צוּ דִי אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ וְכוּ'", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס זוּךְ אִיךְ, דָאס הָאבּ אִיךְ לִיבּ; מֶענְטְשְׁן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין חָכְמוֹת, אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הֶער דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וואוּ הָאסְטוּ גֶעדַאוֶוענְט?" אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער עֶר פְרֶעגְט מִיר: "אִיךְ הֶער אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ, הָאסְט גֶעדַאוֶוענְט בַּיי מוֹהֲרַ"אשׁ?" זָאג אִיךְ אִים: "יָא", זָאגְט עֶר מִיר: "דוּ גֵייסְט צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ?! וֵוייסְט פַארְוֶועם עֶס פַּאסְט צוּ גֵיין צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ? לְמָשָׁל ... וָואס גֵייט נָאךְ גֶעלְט, עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ וֶוען מֶען גֶעבְּט אִים אַ צְוָואנְצִיגֶער, עֶר אִיז אַזַא תָּמִים, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין חָכְמוֹת, עֶר אִיז צוּפְרִידְן מִיט אַ צְוָואנְצִיגֶער, בְּשַׁעַת אַנְדֶערֶע לָאזְן נִישְׁט נָאךְ, זֵיי מוּטְשֶׁען פַאר הוּנְדֶערְטֶער דָאלַארֶען, אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, דוּ זָאלְסְט אַהִין גֵיין?!" - אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט דָאס צוּ הֶערְן, וַוייל טַאקֶע דָאס וִויל אִיךְ, אַזַא פְּלַאץ זוּךְ אִיךְ, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת.

אִיךְ פְלֶעג אַסַאךְ פָארְן קַיין מִירוֹן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, פְלֶעג אִיךְ אַלֶץ זֶען ווִי דִי סְפַרְדִ'ישֶׁע אִידְן זִיצְן דָארְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מְקַנֵא גֶעוֶוען זֵייעֶר תְּמִימוּת, אִיךְ לִיבּ גֶעהַאט זֵיי צוּ הֶערְן דַאוֶונֶען מִיט זֵייעֶר גֶעשְׁמַאקֶע נוּסָח, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי זֵיי פִירְן זִיךְ בַּיים דַאוֶונֶען וֶוען זֵיי זָאגְן דִי ווֶערְטֶער (פְּסוּקֵי דְזִמְרָה, וַיְבָרֶךְ דָוִד): "וְאַתָּה מוֹשֵׁל בַּכֹּל", צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט ווִי מֶען שִׁיקְט זִיךְ אַרוּם אַ פְּרוּטָה, יֶעדֶער גֶעט דָאס אִיבֶּער פַאר זַיין שָׁכֵן, כְּדֵי אַלֶע זָאלְן קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם מִנְהָג פוּן גֶעבְּן צְדָקָה אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק

זיך: 'יעצט ווען דער שיפס קאפיטאן וועט זיך דערוויסן אז איך האב גארנישט, וועט ער מיר ארייןווארפן אין וואסער, וואס קען איך דא טון?' האט ער אפגעמאכט ביי זיך אז ער וועט זיך מאכן פרייליך, ער וועט זיך מאכן כאילו ער איז רייך, און ער האט נאך אלץ ביי זיך דעם דיימאנט שטיין.

דער שיפס קאפיטאן פלעגט אלץ אריין קומען צו אים אין צימער שמועסן מיט אים, און דער איד האט זיך ווייטער געמאכט פרייליך פונקט אזוי ווי פריער; איין טאג זאגט אים דער שיפס קאפיטאן: "איך זע אז דו ביסט א קלוגער מענטש, וויל איך דיר פארטרויען מיט א גרויסן סוד, איך האב דא אינעם שיף אסאך סחורה וואס איך קען נישט אריין ברענגען אין לאנדאן, ווייל מען איז מיר חושד אז איך גנב'ע דאס, איך וועל עס איבערשרייבן אויף דיין נאמען און מיר וועלן זיך שפעטער פאררעכענען". אזוי האבן זיי געטון; נאכן אנקומען קיין לאנדאן האט דער שיפס קאפיטאן געכאפט א הארץ אטאקע, און דער איד איז געבליבן מיט אלע פארמעגנס וואס ער האט אים איבערגעשריבן און ער איז געווארן א גרויסער עושר.

דער רבי האט אויסגעפירט די מעשה מיט די ווערטער: "די דיימאנט שטיין איז נישט געווען דעם איד'ס, והא ראי' ער האט דאס פארלוירן; די סחורה פונעם שיף האט געהערט פארן איד והא ראי' ער האט דאס באקומען; און ווי אזוי איז ער געווארן אזוי רייך? נאר ווייל ער האט זיך דערהאלטן".

דער רבי האט נישט אויסגעפירט דעם נמשל, ווייל יעדער איינער האט אן אנדערע נמשל, און אפילו ביים מענטש אליינס טוישט זיך דער נמשל יעדע שטיק צייט; איינער פארלירט זיין געלט, איינער פארלירט א שידוך, איינער פארלירט קינדער, דארף מען געדענקען וואס דער איד האט געטון ווען ער האט פארלוירן דעם דיימאנט שטיין, ער האט זיך געמאכט פרייליך, ער האט ווייטער געשפילט עושר, ער האט ווייטער גערעדט מיטן שיפס קאפיטאן כאילו מען מיינט נישט אים, דערפאר האט ער זוכה געווען צו ווערן רייך וכו'.

די גאנצע ברסלב'ער חסידות באשטייט פון איין ווארט: "התחזקות!" א מענטש זאל זיך דערהאלטן אפילו עס גייט אויף אים אריבער שווערע ביטערע צרות. דאס לערענט אונז דער רבי, מיר זאלן זיך "דערהאלטן" אפילו מען האט גארנישט, אפילו מען איז אזוי ווי דער איד אויפן שיף אן קיין איין פרוטה, אן גארנישט, יעדע רגע קען מען אים אריין ווארפן אין וואסער וכו', דאך איז ער געזיצן און געשמועסט מיטן קאפיטאן אזוי ווי ער איז א גרויסער עושר און האט געשעפטן מיטן קעניג.

(גענומען פון עצתו אמונה פרשת ויחי תשע"ח)

גֶעכַאפְּט, אַזַא תְּמִימוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם! אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט בַּיי מִיר 'הַלְוַואי אִיךְ זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא תְּמִימוּת', וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען°אוֹיךְ, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט אָפְּלָאזְן, אִיךְ קֶען בְּלַייבְּן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין, מִיט דִי זֶעלְבֶּע סְטְרָאקֶעס מִיט דִי וַוייסֶע זָאקְן אוּם שַׁבָּת אוּן זַיין אַ 'תָּמִים', רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ דַארְף.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַרוֹיפְגֶערוּפְן צוּ זִיךְ אַ זֶעקְס יֶערִיג קִינְד, אוּן דֶערְצֵיילְט אַז דָאס קִינְד הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט זַיין סְקוּטֶער אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן כַאפְּנְדִיג דֶערְבֵּיי גָאר אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, אוּן הָאט פַארְלוֹירְן זַיין בַּאוואוּסְטְזֵיין, מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיפְצוּוָועקְן, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֶעדֶענְקְסְטוּ? דוּ גֶעדֶענְקְסְט וָואס אִיז גֶעשֶׁען?" אָבֶּער דָאס קִינְד הָאט גָארְנִישְׁט גֶעדֶענְקְט, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס גֶעדֶענְקְסְטוּ יָא?" הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט: "אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט!" הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט: דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגְרֵייטְן אַ קִינְד אַז וֶוען עֶר גֵייט פַארְלִירְן זַיין בַּאוואוּסְטְזֵיין זָאל עֶר דָאס עֶנְטְפֶערְן, דָאס צוּ עֶנְטְפֶערְן מוּז קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס דֶער קִינְד הֶערְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה, אִין שְׁטוּבּ, אִין חֵדֶר אוּן אִיבֶּעְרָאל - פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אָטֶעמְט 'אֵייבֶּערְשְׁטֶער', הָאט עֶר דָאס גֶעעֶנְטְפֶערְט. אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת הֶערְט מֶען בַּיי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶ רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעכַאפְּט אַ סְטְרָאוּק לֹא עָלֵינוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט הָאט מֶען גֶעוָואלְט זֶען צִי עֶר אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן וַואךְ הָאט מֶען אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל עֶפֶּעס שְׁרַייבְּן, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וֶוערְטֶער: "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ"; דָאס מֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג וֶוען אַ טַאטֶע גֵייט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שׁוּל, בִּפְרַט דָא אִין שְׁטֶעטְל וָואס מֶען גֵייט דָאךְ אַ לַאנְגֶע וֶועג בִּיז צוּם שׁוּל, זָאל דֶער טַאטֶע רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיךְ, נִישְׁט שְׁטִיל, וַוייל אוֹיבּ דָאס קִינְד הֶערְט דֶעם טַאטֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אוֹיבּ הֶערְט עֶר נִישְׁט דֶעם טַאטֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער טַאטֶע רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט, דַאן וֶועט דָאס קִינְד נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וִוי יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט וֶוען אַ קִינְד שְׁטֵייט אוֹיף, מֶען גִיסְט אִים אָפּ נֶעגְל וַואסֶער זָאגְט מֶען הוֹיךְ מִיטְ'ן קִינְד: "מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ", קֵיינֶער זָאגְט דָאס נִישְׁט שְׁטִיל פַאר זִיךְ, וַוייל אַז דִי מַאמֶע וֶועט עֶס זָאגְן שְׁטִיל וֶועט דָאס קִינְד זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס צוּ זָאגְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ קִינְד דַארְף הֶערְן זַיין טַאטֶע רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַז דָאס קִינְד וֶועט דָאס הֶערְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט עֶר דָאס אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן פוּן דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָּה', זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מוֹרָא אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּנְדִיג מוֹרָא 'אֶפְשָׁר וֶועט נִישְׁט גֶעשֶׁען דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה', אָבֶּער דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשֶׁען דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן זָאגְט מֶען זֵיי: "אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּן אִיז עֶס זִיכֶער צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט בֶּעסֶער וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס נִישְׁט". דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע צָרָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען הָאט אַ חוֹלֶה אִין דִי מִשְׁפָּחָה לֹא עָלֵינוּ אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה נֶעמְט זִיךְ צוּזַאם אוּן מֶען זָאגְט אוֹיס תְּהִלִּים וְכַדוֹמֶה אוּן צוּם סוֹף אִיז יֶענֶער אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, דַארְף מֶען חַזֶר'ן מִיט דִי קִינְדֶער אַז מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מֶען זָאל בֶּעטְן פוּן אִים, דָאס אִיז אַ מִצְוָה פוּן תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אַנְדֶערְשׁ - אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער אַזוֹי.

הָאט דֶער חָכָם גִ'יעֶנְפֶערְט. דָאס קָאן גִ'מָאלְט זַיין אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין שְׁטֵייגֶער. אַז גָאט זָאל בַּיי מִיר דֶעם שֵׂכֶל אַוֶועק נֶעמֶען חַס וְשָׁלוֹם, אוֹדֶער אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערִין. קָאן זַיין אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ וֶוערִין מְשׁוּגָע. וָוארִין וָואס בִּיסְטוּ דֶען נָאר מְשׁוּגָע.

דָא זֶעט מֶען וִוי דֶער חָכָם אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעפֶערְלִיכֶער שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעהַאט פַארְדָארְבֶּענֶע מִדּוֹת; דֶער תַּם הָאט דִיךְ דָאךְ אַרַיין גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעשְׁטוּפְּט אִין אַ קְלֵיין וִוינְקְל אוּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע הוֹיז פַאר דִיר, יֶעצְט מַאכְסְטוּ חוֹזֶק פוּן אִים?! יֶעצְט טְשֶׁעפֶּעסְטוּ אִים זָאגֶענְדִיג: "דוּ בִּיסְט מְשׁוּגָע"?! דָאס וַוייזְט וִוי פַארְדָארְבְּן דוּ בִּיסְט! לָאמִיר זָאגְן אַז דוּ

הַאלְסְט אַז דֶער תָּם אִיז טַאקֶע מְשׁוּגָע, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט יָא קְלוּג, אָבֶּער פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ אִים דָאס זָאגְן?!

אָבֶּער אַזַא חָכָם וָואס הַאלְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אִין זַיינֶע אוֹיגְן - פַּאר אִים פַּאסְט אַזוֹי צוּ רֶעדְן, עֶר הַאלְט אַז נָאר עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּן נָאר עֶר אִיז קְלוּג, אוּן אוֹיסֶער אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

נָאר אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער. דָאס אִיז נִיט גִימָאלְט בְּשׁוּם אוֹפָן. אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַזוֹי אַ חָכָם וִוי אִיךְ. הָאט דֶער תָּם גִיעֶנְפֶערְט. בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז אַלֶץ מֶעגְלִיךְ. קָאן זַיין כְּהֶרֶף עַיִן (אַזוֹי וִוי אֵיין אוֹיגִין בְּלִיק) אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין חָכְמָה. הָאט דֶער חָכָם אוֹיס אִים זֵייעֶר גִילַאכְט.

דָאס דַארְפְן מִיר אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אוּן אִין זִיךְ, אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען עֶס.

אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶער זָאל לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; אִין דִי וֶועלְט אִיז דָא אַסַאךְ קְהִלּוֹת אוּן חַסִידוּת'עֶר, מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע חֲתוּנוֹת מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט דָאס בִּיסֶל אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען דָאס וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז נָאךְ אִידְן זָאלְן זִיךְ דֶערְוִויסְן פוּן דִי לִיכְטִיגֶע דִיבּוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

**שִׂיחָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאכְ'ן שִׁיעוּר**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אֵיינֶע פוּן דִי גֶעסְט: נוּ, הָאסְט הֲנָאָה פוּנֶעם שְׁטֶעטְל? עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל? דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַזוֹי וִוי יַבְנְאֵל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעבּוֹיט. וָואס אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה): "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה", אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אֱמוּנָה; מֶען קֶען זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אוּן מֶען אִיז נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען קֶען זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - אוּן מֶען אִיז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי אֱמוּנָה, דָאס אִיז יַבְנְאֵל, יַבְנְאֵל אִיז דִי לִימוּדִים פוּן 'מוֹהֲרָא"שׁ', דִי לִימוּדִים פוּן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', מֶען קֶען זַיין אִין יַבְנְאֵל אָבֶּער מֶען אִיז נִישְׁט אִין יַבְנְאֵל, אוּן מֶען קֶען זַיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן יַבְנְאֵל אוּן מֶען אִיז אִין יַבְנְאֵל.

אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ דֶער שְׁטֶעטְל, וֶוער אִיז אִין שְׁטֶעטְל? וֶוער אִיז נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל? דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אֵיין זַאךְ: אֱמוּנָה; לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וִוילַאנְג דוּ טוּסְט דָאס בִּיסְטוּ אִין שְׁטֶעטְל אָבֶּער אַז דוּ טוּסְט דָאס נִישְׁט - קֶענְסְטוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל אָבֶּער דוּ בִּיסְט נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, דֶער עִיקָר אִיז צוּ לֶעבְּן מִיט דִי לִימוּדִים וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

**שִׂיחָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר'ן דַאוֶוענֶען**

אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶר שְׁפִּירְט אִין חֶדֶר מִיט דִי תַּלְמִידִים אַפָּאר מָאל אַז עֶר אִיז צוּ שְׁטְרֶענְג אוּן אַפָּאר מָאל אַז עֶר אִיז צוּ וֵוייךְ, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, שְׁטְרֶענְג אָדֶער וֵוייךְ.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: דֶער אֱמֶת אִיז אַז קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן בֵּיידֶע, זֵיי דַארְפְן אַ שְׁטְרֶענְגְקֵייט אוּן אַ וֵוייכְקֵייט; רוֹב מָאל פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ אַז זֵיי בַּאקוּמֶען בֵּיידֶע, אַמָאל אִיז דֶער טַאטֶע מֶער שְׁטְרֶענְג אוּן דִי מַאמֶע מֶער וֵוייךְ, אוּן אַמָאל אִיז עֶס פַארְקֶערְט, דֶער טַאטֶע אִיז מֶער וֵוייךְ אוּן דִי מַאמֶע מֶער שְׁטְרֶענְג; אַזוֹי אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה, אַמָאל אִיז דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר מֶער שְׁטְרֶענְג אוּן דֶער מְנַהֵל מֶער וֵוייךְ, אוּן אַמָאל פַארְקֶערְט, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִיז מֶער וֵוייךְ אוּן דֶער מְנַהֵל מֶער שְׁטְרֶענְג.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז הֱיוֹת עֶר אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ מִיט בָּחוּרִים אִין אַ יְשִׁיבָה טְרַאכְט עֶר צוּ עֶפֶענֶען אַן אֵייגֶענֶעם יְשִׁיבָה, עֶר וִויסְן צִי עֶר זָאל עֶס טוּן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: הִשָּׁמֵר וְהִזָּהֵר, זָאלְסְט דָאס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן, וַוייל אִין דֶער יְשִׁיבָה וואו דוּ בִּיסְט אִיז דֶער מְנַהֵל זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן דִי בִּיסְט זֵייעֶר אַ וֵוייכֶער מֶענְטְשׁ דֶערְפַאר הָאבְּן דִיר דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר לִיבּ, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט עֶפֶענֶען אַ אֵייגֶענֶעם יְשִׁיבָה וֶועט נִישְׁט גוּט זַיין, דוּ בִּיסְט צוּ וֵוייךְ, דִי בָּחוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי אַנְדֶערֶע כֹּחַ פוּן שְׁטְרֶענְגְקֵייט; אוֹיסֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַנְדֶערְשׁ אַז עֶר קֶען זַיין בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, שְׁטְרֶענְג אוּן וֵוייךְ.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעלֶערְנְט בְּחַבְרוּתָא מִיט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים, דֶעם 'זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ' אָנְהֵייבּ פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים (דַף פו:) וואו עֶס שְׁטֵייט אַז וֶוען מֶען מוּסַר'ט אֵיינֶעם דַארְף עֶס זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דָא זֶעט מֶען שׁוֹין וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, רֶעדְן וֵוייךְ מִיט לִיבְּשַׁאפְט.